**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון א 19 מיליאן דאלארדיגע אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין אסוויגאָו קאונטי**

***Selkirk Landing* ברענגט 64 אפאָרדעבעל און ענערגיע-שפארזאמע היימער צו די ווילעדזש אָוו פולאַסקי פאר פאמיליעס, עלטערע מענטשן און ערוואקסענע וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט**

***קאמיוניטי צענטער אפפערנדיג ארבעטסקראפט אנטוויקלונג סערוויסעס איז אפן אויפן פלאץ***

***אינוועסטירונג קומט צוזאמען מיט "CNY Rising" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צוריק צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 19 מיליאן דאלארדיגע אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט פאר מענטשן פון עטליכע דורות אין די ווילעדזש אָוו פולאַסקי אין אסוויגאָו קאונטי. Selkirk Landing אפפערט 44 אפאָרדעבעל היימער פאר פאמיליעס און עלטערע מענטשן און 20 היימער מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר ערוואקסענע וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט. די ענערגיע-שפארזאמע דעוועלאפמענט האט אויך אין זיך א 3,000 סקווער-פיסיגע קאמיוניטי איינריכטונג וואס אפפערט ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען.

"פארגרעסערן די סופליי פון הייזער פון א הויכע קוואליטעט און פאר צוגענגליכע פרייזן איז א פריאריטעט אין קאמיוניטיס גרויס און קליין אריבער די גאנצע סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר אינוועסטירן אין דעוועלאפמענטס ווי Selkirk Landing, קענען מיר העלפן זיכער מאכן אז עלטערע מענטשן און ארבעטנדע פאמיליעס קענען פארבלייבן אין די קאמיוניטיס וואס זיי רופן זייער היים בשעת'ן צושטעלן פארגרינגערטע צוטריט צו סערוויסעס פאר שוואכערע ניו יארקער און פאר די ארומיגע קאמיוניטי."

די Selkirk Landing אפארטמענטס זענען טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

Selkirk Landing באשטייט פון 20 דופלעקס געביידעס מיט א סך הכל פון 40 אפארטמענטס און אזוי אויך א צוויי-שטאקיגע געביידע מיט 24 אפארטמענטס פאר איינוואוינער פון 55 יאר און עלטער. אלע אפארטמענטס וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזונדער וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

20 פון די אפארטמענטס זענען ספעציעל פאר ערוואקסענע וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט אדער האוזינג אומזיכערהייט אין זייער פארגאנגענהייט. די איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס און רענט סאבסידיס, אויסגעצאלט דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג

אינציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative) און פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH).

די דעוועלאפמענט קומט אויך מיט א 3,000 סקוועיר-פיסיגע באזונדערע קאמיוניטי איינריכטונג, אפערירט דורך .Oswego County Opportunities, Inc. באקאנט אלץ "די האָב", שטעלט די איינריכטונג צו ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אקטיוויטעטן צו העלפן ארבעטסלאזע מענטשן און מענטשן וואס האבן נישט גענוג ארבעט מיט נידעריגע איינקונפט זיך צו שטארקן איבער שטרויכלונגען ביים באקומען און אנהאלטן א דזשאב.

די דעוועלאפמענט איז דעזיינט געווארן נאכקומענדיג די פאדערונגען צו באקומען די 'זילבערנע שטאפל" פון די LEED סערטיפיקאציע פון די פאראייניגטע שטאטן געביידע קאונסיל (Green Building Council) און אזוי אויך די פאדערונגען פון דעם 'נייע קאנסטרוקציע פון נידעריגע געביידעס' (Low-Rise New Construction) פראגראם פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA). ענערגיע-שפארזאמע געביטן רעכענען אריין אפלייענס, באלייכטונג און עקוויפמענט פון Energy Star אדער פון אזא סטאנדארט.

Selkirk Landing געפונט זיך גראד אריבער די גאס פון די פולאַסקי אקאדעמיע און צענטראל סקולס, און עס איז אין א מייל פון גראסערי געשעפטן, פארמאסיס, א באנק און א דעי קעיר צענטער. איינריכטונגען פאר די איינוואוינער רעכענען אריין מאשינען צו וואשן וועש, א קאמיוניטי צימער מיט א קיך און א טרעיל צו שפאצירן. די דעוועלאפער פון Selkirk Landing איז ,Lakewood Development II LLC בשותפות מיט די אָסוועגאָו האוזינג דעוועלאפמענט קאונסיל ( Oswego Housing Development Council, Inc., OHDC).

סטעיט פינאנצירונג פאר Selkirk Landing רעכנט אריין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 13.4 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 4.9 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal). די OMH שטעלט צו $500,000 יערליך אין אפעראציע פינאנצירונג דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו און אזוי אויך $138,000 אין א פראגראם אנטוויקלונג גרענט צו דעקן די ערשטיגע קאסטן. NYSERDA האט געגעבן $65,400 אין שטיצע. צוגעגעבענע פינאנצירונג איז צוגעשטעלט געווארן דורך NBT באנק.

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל אינוועסטירט מער פון 40 מיליאן דאלאר צו בויען אדער אויפהאלטן קרוב צו 350 אפארטמענטס פאר צוגענגליכע פרייזן אין אפארטמענט געביידעס אין אסוויגאָו קאונטי.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "מיט היימער פאר פאמיליעס, עלטערע מענטשן און ערוואקסענע וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס — אפפערט Selkirk Landing אן אריינגעמיגע, פארשידנארטיגע און געזונטע קאמיוניטי פאר 64 הויזגעזונדער צו לעבן אויף אן אפאָרדעבעל פארנעם און זיך קאנצענטרירן אויף זייערע פערזענליכע ציהלן אין לעבן, און אין די זעלבע צייט שטעלט עס אויך צו סערוויסעס פאר די בענעפיט פון די גאנצע קאמיוניטי. מיר זענען באגייסטערט ביז גאר אז אונזער אינוועסטירונג אין די נייע דעוועלאפמענט וועט האבן אזא טראנספארמאטיווע השפעה אין פולאַסקי, און מיר גראטולרין Lakewood Development און אונזערע שותפים פארן מאכן דעם פראיעקט פאר א מציאות."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצנדע האוזינג העלפט טויזנטע ניו יארקער וועלכע לעבן

מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און זייערע פאמיליעס צו פירן סטאבילע און פראדוקטיווע לעבנס אין זייער אייגענע קאמיוניטי. Selkirk Landing איז א הערליכע צוגאב צו די ווילעדזש אָוו פולאַסקי וואס וועט העלפן מענטשן אויספלאסטערן זייער וועג צו ערהוילונג."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "מיט די חנוכת הבית פון דעם Selkirk Landing פראיעקט, האבן אסוויגאָ קאונטי איינוואוינער יעצט מער צוטריט צו ריינע, אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג וואס איז אויסגערישט מיט ענערגיע-שפארזאמע אפלייענס און עקוויפמענט. אין צוגאב צו די איינגשפארטע ענערגיע קאסטן און די פארשידענע שטיצנדע סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט, וועלן די איינוואוינער אויך געניסן פון א פלאץ צו וואוינען מיט א באקוועמע און געזונטע אטמאספערע בשעת'ן שטיצן גאווערנער האקול'ס ציהל צו דעוועלאפען צוויי מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימער ביז 2030."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע פאמיליע אין אסוויגאָ קאונטי צו האבן א זיכערע און סטאבילע פלאץ צו רופן זייער היים, און איך בין שטאלץ צו זעהן די באדייטנדע אינוועסטירונג אין האוזינג סיי אפאָרדעבעל און סיי פאר די ארבעטסקראפט אין צענטראל ניו יארק. דורכן צושטעלן פארלעסליכע און אפאָרדעבעל הייזער פאר צענדליגע ניו יארקע פאמיליעס און דורכן צושטעלן קריטישע שטיצנדע און דזשאב-גרייטקייט סערוויסעס פאר די וועלכע מוטשענען זיך מיט האוזינג אומזיכערהייט, וועט די פאראויס-קוקנדע דעוועלאפמענט העלפן אונזער סטעיט'ס שוואכסטע איינוואוינער צו קענען לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארגרעסערן די צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג אריבער גאנץ ניו יארק, און איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן קעמפן צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט א דאך איבערן קאפ."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "פארברייטערן צוטריט צו אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג איז קריטיש פאר ניו יארקער. די נייע האוזינג דעוועלאפמענט וועט העלפן זיכער מאכן אז מיר קענען נאכקומען די האוזינג באדערפעניש פון די איינוואוינער פון אסוויגאָ קאונטי און אז מיר קענען זיי צושטעלן אנדערע קריטישע סערוויסעס. איך בין שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארברייטערן אפאָרדעבעל האוזינג אפציעס פאר אסוויגאָ קאונטי קאמיוניטי און אריבער די גאנצע סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד וויל באַרקלעי האט געזאגט,** "די נייע, אפאָרדעבעל האוזינג קאמפלעקס אין פולאַסקי איז א געווינס פאר די קאמיוניטי, פאמיליעס און איינוואוינער. Selkirk Landing אפפערט נישט נאר זיכערע, אפאָרדעבעל הייזער, נאר עס קומט אויך מיט איינריכטונגען צו אנטוויקלען לעבן'ס סקילס און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג טרענירונג — זאכן וואס זענען קריטיש צו קענען ארויפשטעלן מענטשן אויף די רעלסן צו הצלחה און פינאנציעלע זעלבסטשטענדיגקייט. דאס זיך געפונען אויף א צענטראלע לאקאציע אין פולאַסקי, זיין נאענט צו אנדערע וויכטיגע סערוויסעס ווי גראסערי געשעפטן, פינאנציעלע אינסטיטוציעס, סקולס און אפילו א דעי קעיר צענטער, וועלן גיין א לאנגע וועג צו העלפן אונזערע שכנים. איך וואלט נישט געקענט טראכטן פון א בעסערע און מער פאסיגע באנוץ פון די מיטלען צו העלפן די אין אונזערע קאמיוניטי ווי Selkirk Landing. ברוכים הבאים צו אייער היים."

**ווילעדזש אָוו פולאַסקי מעיאר, דזשען טייג, האט געזאגט,** "די פולאַסקי ווילעדזש באָורד איז באגייסטערט פאר דעם Selkirk Landing פראיעקט זיך צו עפענען. מיר באגרוסן די צוגעקומענע האוזינג געלעגנהייטן פאר אונזערע איינוואוינער."

**Lakewood Development II LLC'ס סוזען קימעל האט געזאגט,** "מיר זענען פרייליך צו האבן די מעגליכקייט צו ברענגען גאר-נויטיגע אפאָרדעבעל הייזער צו די קאמיוניטי אין פולאַסקי, ניו יארק און אזוי אויך צו קענען צושטעלן שטיצנדע האוזינג כדי די מענטשן זאלן קענען געשטיצט ווערן אין די פלאץ פון די קאמיוניטי מיט וועלכע זיי זענען באקאנט. מיט גרינגע צוטריט צו די ברייטערע ווילעדזש דורך טראטוארן,

וועלן איינוואוינער האבן צוטריט צו א ברייטע רייע פון איינריכטונגען, אריינרעכענענדיג די סעלמאן ריווער. אין צוגאב ערלויבט דאס די איינוואוינער צו זיין אן אמת'ע חלק פון די קאמיוניטי. מיט אונזער שותפות מיט די OCO האבן מיר געקענט אויפבויען די 'OCO Hub', א סערוויסעס געביידע וואס די OCO קען נוצן צו צושטעלן סערוויסעס פאר די ברייטערע קאמיוניטי. דאס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וואס עס קען עררייכט ווערן דורך פובליק און פריוואטע שותפות'ן."

**אסוויגאָו האוזינג דעוועלאפמענט קאונסיל עקזעקיוטיוו דירעקטאר, מעריאן נערעמאור, האט געזאגט,** "די אסוויגאָו האוזינג דעוועלאפמענט קאונסיל איז שטאלץ צו האבן אריינגעגאנגען אין א שותפות מיט Lakewood Development II, LLC און צושטיצן די גאר-נויטיגע אפארטמענט געביידע און באגלייטנדע איינריכטונגען פאר פאמיליעס מיט נידעריגע ביז מיטלמעסיגע איינקונפטן אין די ווילעדזש אָוו פולאַסקי. דאס איז א חלק פון די OHDC's מיסיע צו זיכער מאכן אז אלע אסוויגאָו קאונטי איינוואוינער האבן א זיכערע און ריינע פלאץ וואו צו וואוינען. Selkirk Landing איז א הערליכע פלאץ וואס גיבט פאר די צפון אסוויגאָו קאונטי איינוואוינער אן אויסוואהל פון אפאָרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט."

**Oswego County Opportunities, Inc. ('אסוויגאָו קאונטי געלעגנהייטן', OCO) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, דייען קופער-קוריער, האט געזאגט,** "די OCO איז דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו אריינגיין אין א שותפות מיט Lakewood Development II, LLC און מיט די NYS רעגירונג צו צושטעלן שטיצנדע האוזינג פאר מענטשן און פאמיליעס וועלכע גייען אריבער האוזינג שוועריגקייטן. אין צוגאב צום ברענגען אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט צו די קאמיוניטי, זענען מיר באגייסטערט צו האבן א לאקאציע אין די פולאַסקי געגנט צו ברענגען סערוויסעס פאר די קאמיוניטי צו שטיצן יעדן איינעם מיט זייערע פערזענליכע קענטעניסן, בילדונג און ארבעטסקראפט פארבינדענע באדערפענישן. גיבן פאר איינוואוינער אין די צפון חלק פון אסוויגאָו קאונטי די געלעגנהייט צו צוקומען צו סערוויסעס און שטיצע נאענטער אהיים וועט אוועקנעמען שטרויכלונגען צו צוטריט און עס וועט העלפן מענטשן און פאמיליעס צו בליהען."

**פארשנעלערן "CNY Rising" (צענטראל ניו יארק - זיך אויפהייבנדיג)**
דער דעוועלאפמענט דערגאנצעט "CNY רייזינג", דער ראיאן'ס אויספירליכע בלופרינט אויף צו שאפן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפעניורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. דער ראיאן טוט איצט פארשנעלערן "CNY רייזינג" מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך דער אפסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט'ס 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג וועט אינצענטיוויזירן פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער פון 2.5 ביליאן דאלער, און דער ראיאן'ס פלאן, ווי איינגעגעבן, פארזעהט ביז 5,900 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא.]

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]